# מהתוועדות ש״ק פרשת
# נצבים-וילך תש״ל

אוצר החכמה

איך אונזער פרשה, פ' וילך, ווערט דערציילט ווי משה רבינו האט גערעדט מיט יהושע וועגן אריינגיין אין ארץ ישראל, וואס דאס איז אין קאפיטל ל"א פסוק ז' - "כי אתה תבוא את העם הזה אל הארץ אשר נשבע ה' לאבותם וגו'".

שטעלט זיך רש"י אויף "כי אתה תבוא את העם הזה" און איז מפרש: "ארי את תיעול עם עמא הדין" [אז וויבאלד עס שטייט דא דער לשון "תבוא את העם הזה", איז דער פירוש פון "ארי את תיעול עם עמא הדין", אז יהושע וועט אריינגיין אין א"י צוזאמען, און פונקט ווי, אלע אידן; און רש"י איז ממשיך:] "משה אמר ליהושע זקנים שבדור יהיו עמך הכל לפי דעתן ועצתן" [אז מיט "תבוא את העם הזה" וואס מיינט אז יהושע וועט אריינגיין אין א"י גלייך מיט אלע אידן, האט משה רבינו געמיינט אז "זקנים שבדור יהיו עמך הכל לפי דעתן ועצתן"].

דערנאך פירט רש"י אויס: "אבל הקב"ה אמר ליהושע כי אתה תביא את בני ישראל אל הארץ אשר נשבעתי להם, הביא על כרחם" [אז אע"פ משה האט געזאגט "אתה תבוא את העם הזה", האט אבער דער אויבערשטער געזאגט "אתה תביא את בני ישראל", ווי ס'שטייט ווייטער אין דער סדרה (שם, כג), אז יהושע וועט ניט זיין גלייך מיט אלע אידן, נאר יהושע וועט אנפירן מיט אידן און ער וועט זיי אריינברענגען אין א"י, ביז אפילו על כרחם] "טול מקל והך על קדקדן". [און רש"י איז מסיים:] "דבר אחד לדור ולא שני דברים לדוד".

בפשטות זעט דאס אויס צו זיין א גלאטיקע רש"י, אבער באמת איז די רש"י ניט פארשטאנדיק מהחלתו ועד סופו, און אפילו אן צוקוקן זיך שטארק, שטעלן זיך גלייך א ריבוי קושיות:

א) אויב רש"י וואלט דא גארניט געזאגט, וואלט מען געלערנט דעם פסוק בפשטות, אז משה רבינו האט געזאגט יהושע'ן אז ער וועט אריינגיין אין א"י מיט אלע אידן און ער וועט מנהיל זיין א"י צו די אידן - איז וואס ארט דא רש"י'ן אז ער זאל עס דארפן מפרש זיין? עס זיינען דאך פאראן כמה פסוקים אין חומש וואס רש"י זאגט גארניט אויף זיי - פארוואס? ווייל דער פסוק איז מובן בפשטות און מ'דארף

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u> - ניט אנקומען.



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 544 הודפס ע"י אוצר

ניט אנקומען צו רש"י׳ן אז ער זאל עס מפרש זיין; ולכאו׳ איז עס אזוי אוי בנוגע צו דעם פסוק, אז דאס איז פארשטאנדיק בפשטות.

און דאס וואס אין דעם ווייטערדיקן פסוק שטייט אנדערש, איז דאך דאס א שאלה וואס ווערט ערשט ווייטער: בשעת דער בן חמש למקרא וועט לערנען דעם פסוק אין וועלכן ס׳שטייט "כי אתה תביא את בנ"י" וועט זיך דארפן שטעלן די שאלה, אז ווי זאגט מען "כי אתה תביא וגו׳" אז יהושע וועט אריינברענגען אידן אין א"י, בשעת עס איז פריער געשטאנען "כי אתה תבוא וגו׳", אז יהושע וועט אריינגיין אין א"י גלייך מיט אלע אידן; אבער אין אונזער פסוק איז דאך גארניט שווער.

איז דאך לפי"ז ניט מובן: פארוואס שטעלט זיך רש"י דא אין אונזער פסוק, ער האט זיך געדארפט שטעלן ווייטער אויף פסוק כ"ג און פרעגן אז פריער איז געשטאנען "כי אתה תבוא וגו׳", און ער וואלט דארפן געדארפט מפרש זיין אז משה רבינו האט געזאגט "כי אתה תבוא וגו׳", אבער דער אויבערשטער האט געזאגט "כי אתה תביא וגו׳"? - וואס דאס איז דאך דער דרך פון רש"י אומעטום; און עס איז אויך פארשטאנדיק בפשטות, אז בשעת עס איז פאראן א סתירה צווישן צוויי פסוקים, אז אין א צווייטן פסוק שטייט דער ענין אנדערש ווי עס איז מבואר אין דעם ערשטן פסוק, דארף מען זיך שטעלן ניט אויף דעם ערשטן פסוק, ווארום בשעת מ׳לערנט דעם ערשטן פסוק איז דערווייל נאך גארניט שווער, נאר בשעת מ׳לערנט דעם צווייטן פסוק, דעמאלט ווערט א שאלה אז פריער איז געשטאנען אנדערש, און דעמאלט דארף מען ראס באווארענען; איז דאך ניט מובן פארוואס שטעלט זיך רש"י דא?

ב) פון וואנעט נעמט רש"י אז "זקנים שבדור יהיו עמך"?, וואו רעדט זיך דא וועגן די זקנים? אין פסוק שטייט דאך בלויז "אתה תבוא את העם הזה", איז פון וואנעט נעמט דאס רש"י אז משה רבינו האט געמיינט "זקנים שבדור"? ואדרבא: פון דעם וואס עס שטייט דער לשון "את העם הזה", איז משמע אז ער רעדט ניט וועגן די זקנים, ווארום דער לשון "עם" ווייזט אויף א נידעריקע דרגא, ניט ווי "בני ישראל" וכו׳ - איז דאך משמע אז משה רבינו האט געמיינט אלע אידן, אויך די וועלכע זיינען געווען אנשים פחותים; איז נאך מער ניט מובן, פארוואס זאגט רש"י דוקא "זקנים שבדור" בשעת פון פסוק איז גאר משמע אז מ׳רעדט ניט וועגן די זקנים נאר וועגן אלע אידן?,

נאך מער: אין דעם ווייטערדיקן פסוק וואו עס שטייט "אתה תביא וגו׳" שטייט "את בני ישראל", וואס "בני ישראל" ווייזט דאך אויף א מדריגה חשובה - זעט מען דאך אז דער פסוק טיילט פאנאנדער און יז דא מינה פון ווי עס שטייט דארטן, און זאגט דעם לשון "העם" - וואס ווייזט אויף א דרגא פחותה, איז דאך א ראי׳ אז דער פסוק איז בפירוש מדייק אז מ׳רעט וועגן א דרגא פחותה, איז פארוואס זאגט רש"י אז משה רבינו האט געזאגט "זקנים שבדור יהיו עמך"?

ג) פון וואנעט נעמט רש"י זאגן אז "הכל לפי דעתן ועצתן"? לכאורה, וויבאלד עס שטייט "אתה תבוא את העם הזה", אז יהושע וועט אריינגיין אין א"י מיט אלע אידן גלייך, איז ער דאך גלייך מיט אלעמען, האט רש"י געדארפט זאגן "הכל לפי דעתכם ועצתכם", וואס דאס וואלט כולל געווען יהושע׳ן גלייך מיט די זקנים, און ווי רש"י אליין זאגט "זקנים שבדור יהיו עמך", אז זיי וועלן זיין צוזאמען מיט יהושע,

הנחת הת׳ בלהי מוגה

- איז פון -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 545 הודפס ע"י אוצר

אוצר החכמה

איז פון וואנעט נעמט רש"י צו זאגן אז משה רבינו האט געזאגט "הכל לפי דעתן ועצתן", אז די זקנים האבן די גאנצע דעה און יהושע האט גאר קיין דעה ניט?!

ד) פון וואנעט נעמט רש"י אז דער אויבערשטער האט געזאגט יהושע׳ן אז דאס זאל זיין אין א אופן פון "טול מקל והך על קדקדן"? פון וואנעט ווייס רש"י אז דער אויבערשטער האט געזאגט אז די זקנים זאלן איינגאנצן קיין דעה ניט האבן, ביז אז אויב זיי וועלן זאגן א דעה דארף מען זיי געבן מיט א שטעקן איבערן קאפ? עס קען דאך זיין אז זיי זאלן זאגן א דעה אבער יהושע דארף זיי ניט פאלגן, איז פון וואנעט נעמט רש"י אז דער אויבערשטער האט געזאגט יהושע׳ן אז ער זאל איינגאנצן שולל זיין די דעה פון אנדערע? וואו שטייט דאס אין פסוק?

אה"ת 1234567

ה) רש"י איז מסיים "דבר אחד לדור ולא שני דברים לדור" - וואס איז דאס נוגע דא אין פסוק?

אע"פ אז אין גמרא סנהדרין (ח, א) שטייט די גאנצע דרשה, אבער אין גמרא שטייט דאס בקיצור "אמר לו משה ליהושע אתה והזקנים שבדור עמהם אמר לו הקב"ה טול מקל והך על קדקדם דבר א׳ לדור ולא שני דברים לדור" - עס שטייט אבער ניט די ווערטער "הכל לפי דעתן ועצתן" - דאס זיינען אויך די ווערטער פון רש"י, וואס דערמיט ווערט דאך נאך מער ניט פארשטאנדיק די שאלה וואס מ׳האט פריער

אוצר החכמה

אה"ת 1234567

געפרעגט: פון וואנעט ווייס רש"י אז משה רבינו האט געזאגט יהושע׳ן "הכל לפי דעתן ועצתן", אז די זקנים האבן די גאנצע דעה, בשעת אין גמרא שטייט דאס גאר ניט?

ובנוגע דאס וואס רש"י איז מסיים "דבר אחד לדור ולא שני דברים לדור" - איז אע"כ אז אין גמרא שטייט דאס אויך, אבער כאמור כמה פעמים איז דער דרך הלימוד אין גמרא בדרך ההלכה וכו׳, דערפאר בשעת די גמרא דערציילט די מעשה ווי עס איז געווען, איז די גמ׳ מסיים אז פון דעם נעמט מען ארויס אויך אלעמאל אז "דבר אחד לדור ולא שני דברים לדור", אבער רש"י איז דאך מפרש בלויז פשוטו של מקרא, איז וואס איז דא נוגע אין דרך הפשט אז "דבר אחד לדור ולא שני דברים לדור"?

וא"ו) גאכמער: ווי קען מען בכלל ארויס נעמען פון אט דער מעשה אז "דבר אחד לדור ולא שני דברים לדור", בשעת אין דער צייט פון משה רבינו זיינען געווען שבעים זקנים, ובפרט אויב מ׳וועט זאגן אז ד מיינט מען אויך די זקנים וועלכע זיינען געווען בכל שבט, איז דאך דאס אסך מער פאר שבעים זקנים, איז פון וואנעט איז די ראי׳ פון דער מעשה וואס דער אויבערשטער האט געזאגט יהושע׳ן "טול מקל והך על קדקדן" אז "דבר אחד לדור ולא שני דברים לדור", עס קען דאך זיין אז זיבעציק טויגן פאקע ניט אבער צוויי טויגן יע?

איז דאך ניט מובן: רש"י וואלט געדארפט זאגן "ולא שבעים דברים לדור" וכו׳, אבער פון וואנעט נעמט ער אז "ולא שני דברים לדור"?

ז) פארוואס . הייבט רש"י אן זיין פירוש מיטן לשון פון תרגום "ארי את תיעול עם עמא הדין" און ער זאגט ניט פאר דעם אז דאס איז "כתרגומו" וכיו"ב; אלע מאל ווען רש"י ברענגט אראפ א לשון פון

הנחת הת׳ בלתי מוגה -תרגום -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 546 הודפס ע"י אוצ

תרגום זאגט ער אז דאס איז "כתרגומו", אדער אז "אונקלס תרגם", וכיו"ב, איז פארוואס זאגט ער דא גארניט?

ח) אין רש"י זיינען דאך מדויק אויך די ווערטער וועלכע ער איז מעתיק פון פסוק, איז לפי"ז ניט פארשטאנדיק: פארוואס דארף רש"י אויך מעתיק זיין פון פסוק די ווערטער "כי אתה"? בעיקר וויל דאך רש"י מפרש זיין דעם ווארט "תבוא", און אויך די ווערטער "את העם הזה" – אז "תבוא" מיינט אריינגיין אין א"י (און ניט אריינברענגען ווי "תביא"), און אז דאס איז "את העם הזה – עם עמא הדין", גלייך מיט אלע אידן, וואס דערפאר דארף ער מעתיק זיין "תבוא את העם הזה"; אבער פארוואס איז ער מעתיק פון פסוק אויך די ווערטער "כי אתה"?

ט) אזוי אויך בשעת רש"י זאגט "אבל הקב"ה אמר ליהושע כי אתה תביא את בנ"י", ברייגנט ער אויך דעם סיום הכתוב "אל הארץ אשר נשבעתי להם", ולכאורה – וואס זיינען דא נוגע די ווערטער "אל הארץ אשר נשבעתי להם", בעיקר וויל דאך רש"י זאגן אז דער אויבערשטער האט געזאגט יהושע'ן "כי אתה <u>תביא</u> את בנ"י", איז פארוואס ברייגנט ער אויך די ווערטער "אל הארץ אשר נשבעתי להם"? ובפרט אז אין אונזער פסוק ברייגנט רש"י אדאפ נאר די ווערטער "כי אתה תבוא את העם הזה", און ער ברייגנט ניט דעם סיום "אל הארץ אשר נשבע ה' לאבותם", און דער טעם איז מובן – ווייל דאס איז ניט נוגע צו זיין פירוש, איז פארוואס בשעה ער ברייגנט וואס שטייט אין דעם ווייטערדיקן פסוק ברייגנט ער יע דעם סיום "אל הארץ אשר נשבעתי להם?

און אט די אלע ענינים דארפן זיין מוכרח ע"פ דרך הפשט פאר א בן חמש למקרא, און עס איז אזוי פיל מובן אז רש"י דארף גארניט זאגן וואס איז דא שווער ווי ער זאגט בב"מ, נאר דער בן חמש למקרא פארשטייט אליין וואס איז שוועד אין פסוק פארוואס רש"י דארף מפרש זיין, און פארוואס ער זאגט ניט "כתרגומו" און פארוואס ער מוז זאגן "<u>זקנים</u> שבדור" דוקא און אז "הכל לפי דעתן ועצתן" מיט די אלע ענינים.

יו"ד) אויך איז פאראן א קלאץ קשיא (וכאמור כמה פעמים אז אלע אמאל איז דא א קלאץ קשיא וואס דוקא אויף דעם שטעלט זיך קיינער ניט); ווי קומט עס אז משה רבינו האט געזאגט אן ענין אנדערש ווי דער אויבערשטער האט געזאגט?! משה רבינו איז דאך געווען דער ערשטער מנהיג פון אידן, און כל ענינו איז געווען וואס ער האט אנגעפירט מיט אידן, און ווי ס'שטייט (ראה שמו"ר פ"ב, ד) "ומשה הי' רועה – מתחלתו הי' רועה", און משה רבינו פירט אן מיט אידן במשך כל הדורות, וואס דערפאר רופט מען איהם אן רעיא מהימנא; און <u>דער</u> ענין איז דאך פארבונדן מיט הנהגה פון בנ"י,

און משה האט דאך גוט געקענט יהושע'ן, ווארום יהושע איז דאך געווען "משרת משה" (בהעלותך יא, כח), און אויף משה רבינו איז דאך ניט שייכות זאגן אז ער האט עפעס געזאגט וואס איז ניט געווען לאמיתתן של דברים, און ווי מ'זעט אז בשעת מ'האט געוואלט רעדן אויף משה רבינו (אז ס'איז דא אן ענין ביי אים וואס איז ניט ריכטיג) האט דאס ניט געטויגט – איז ווי קומט דאס אז משה רבינו האט געזאגט יהושע'ן אז ביי אים זאל זיין די הנהגה אין אן אופן פון "זקנים שבדור יהיו עמך הכל לפי דיעתן ועצתן", און דער אויבערשטער האט

הנחת הת' בלתי מוגה - געזאגט -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 547 הודפס ע"י אוצר

געזאגט אנדערש, אז די הנהגה זאל זיין אין אן אופן פון "תביא על כרחם"?

י"א) די צווייטע קלאץ קשיא: משה רבינו האט אליין געזאגט יהושע'ן אז ער וועט זיין דער מנהיג פון אידן ווי עס ווערט דערציילט פריער אין פ' פנחס (כז, טז) אז משה רבינו האט געבעטן דעם אויבערשטען "יפקוד ה' אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה אשר יצא לפניהם ואשר יבוא לפניהם ואשר יוציאם ואשר יביאם ולא תהי' עדת ה' כצאן אשר אין להם רועה", און דער אויבערשטער האט עם געענטפערט אז ער זאל נעמען יהושע'ן "וסמכת את ידך עליו", און "ונתתה מהודך עליו" און משה רבינו האט אזוי געטאן, ביז אז "ויסמוך את ידיו עליו" וואס דאס איז נאך מער ווי דער אויבערשטער האט עם אנגעזאגט – ווייל דער אויבערשטער האט נאר געזאגט "ידך", מיט איין האנט, און משה רבינו האט געגעבן בשתי ידיו, בעין יפה (כפרש"י שם).

און דאס איז דאך געווען א סאך פריער, פאר "וילך משה וגו'" וואס איז געווען בז' באדר, און אפילו פאר התחלת ספר דברים, וואס איז געווען בר"ח שבט כמ"ש (דברים א,ג) "בעשתי עשר חדש באחד לחדש וגו' הואיל משה באר את התורה הזאת".

האט דאך משה רבינו שוין געוואוסט אז יהושע וועט אנפירן מיט אידן, און אז ער וועט זיי אריינעמען אין א"י, און אין אן אופן ווי משה רבינו האט געבעטן "אלקי הרוחות" און "איש אשר רוחו בו – שיכול להלוך כנגד רוחו של כל אחד ואחד"(כפרש"י שם), איז פארוואס האט דא משה רבינו עם געזאגט "כי אתה תבוא את העם הזה", אז ער וועט אריינגיין אין א"י גלייך מיט אלע אידן, און "זקנים שבדור יהיו עמך הכל לפי דעתן ועצתן";

נאכמער: ער האט דאס עם געזאגט "לעיני כל ישראל", ד.ה. אז אלע אידן האבן געהערט ווי משה רבינו זאגט יהושע'ן אז דו האסט קיין דעה נים, און די זקנים האבן די גאנצע דעה, בשעת משה רבינו האט דאך אליין געזאגט פריער אז יהושע וועט אנפירן מיט אידן און זיי אריינעמען אין א"י?

וכאמור, דארפן די אלע ענינים זיין מוכרח אין פשטות הכתובים, וכפי שיתבאר לקמן.

אומקערן זיך צו דער רש"י: ביי רש"י איז דא שווער וואס עס שטייט אין פסוק "כי אתה תבוא את העם הזה": "כי" מיינט דאך אז ס'איז א טעם אויף דעם וואס עס שטייט פריער, און פריער אין פסוק שטייט אז משה רבינו האט געזאגט יהושע'ן "חזק ואמץ", און אויף דעם קומט דער טעם "כי" (ווייל) אתה תבוא את העם הזה", ווערט גלייך ניט פארשטאנדיק: וויבאלד אז "אתה תבוא את העם הזה" מיינט בפשטות אז ער וועט אריינגיין גלייך מיט אלע אידן איז וואס פאר א טעם איז "אתה תבוא את העם הזה" אויף "חזק ואמץ"? וויבאלד אז יהושע גייט אריין אין א"י גלייך מיט אלע אידן, פארוואס דארף ער עס געבן חיזוק מער פאר אלע אנדערע אידן?

(ואדרבא: די בני גד ובני ראובן וואס ביי זיי איז געווען דער "והחלוץ הולך לפניהם", (יהושע ו, יג) האבן זיי געדארפט האבן מער חיזוק ווי אלע אנדערע אידן).

וואלט מען מצד אט דער קשיא געדארפט לערנען, אז "תביא את העם הזה" מיינט ניט אז יהושע וועט אריינגיין אין א"י גלייך און פונקט ווי אלע אידן כפירוש הפשוט פון דעם ווארט "תבוא", נאר מ'וואלט זיך געדארפט דוחק זיין און מפרש זיין אז דא מיינט "תבוא" אזוי ווי "תביא", אז יהושע וועט אריינברענגען אידן אין א"י, און דערפאר דארף מען עם אנזאגן "חזק ואמץ".

אויף דעם זאגט רש"י אז אעפ"כ איז דער טייטש פון די ווערטער "אתה תבוא את העם הזה" כפשוטו, "ארי את תיעול עם עמא הדין", אז יהושע וועט אריינגיין גלייך מיט אלע אידן - ווארום צוליב אט דער קשיא (אז "אתה תבוא את העם הזה" איז ניט קיין טעם אויף חזק ואמץ), קען מען ניט ארויסנעמען דעם ווארט "תבוא" פון זיין פירוש הפשוט

הנחת הת' בלתי מוגה - און -



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 550 הודפס ע"י אוצ

און לערנען אז דאס מיינט "תביא", נאר דאס בלייבט כפשוטו "ארי את תיעול עם עמא הדין",

דערפאר איז טאקע רש"י מעתיק פון פסוק אויך די ווערטער "כי אתה" - ווייל אט די ווערטער גייט רש"י באווארענען, אז מ'זאל ניט מיינען אז צוליב דעם וואס ס'שטייט "כי" דארף מען לערנען אז "תבוא את העם הזה" מיינט ניט כפשוטו נאר דאס מיינט ע"ד ווי "תביא" - זאגט רש"י אז ס'איז ניט אזוי, נאר אעפ"כ איז דער פירוש פון די ווערטער "אתה תבוא את העם הזה" כפשוטו "ארי את תיעול עם עמא הדין".

דערפאר זאגט אויך ניט רש"י "כתרגומו" וכיו"ב - ווייל אט דעם פירוש נעמט ניט רש"י פון תרגום, נאר דאס איז דער פירוש הפשוט פון די ווערטער "תבוא את העם הזה", (אפילו אויב דער תרגום וואלט ניט אזוי מפרש געווען), נאר רש"י קומט בלויז זאגן אז דער ווארט "כי" איז ניט מכריח לערנען אנדערש פון ווי עס איז כפשוטו, און ער האט א ראי' אויף דעם אויך פון תרגום, אז דער תרגום טייטשט אויך אזוי (וואס דערפאר זאגט ער דאס בלשון תרגום) - ער נעמט אבער ניט זיין פי' פון תרגום.

און רש"י איז ממשיך אז מיט דעם האט משה רבינו געמיינט "זקנים שבדור יהיו עמך הכל לפי דעתן ועצתן", ולכאו' פון וואנעט וויס רש"י אז דא רעדט מען וועגן די זקנים? נאר דאס איז פון דעם לשון "תבוא את העם הזה", וואס דער ווארט "הזה" באווייזט אז משה רבינו האט געזאגט יהושע'ן אז ער וועט אריינגיין אין א"י מיט דעם גאנצן פאלק, וועלכער איז פאראן איצטער - און צווישן זיי זיינען דאך אויך געווען די זקנים, און ווי עס שטייט פריער "אתם נצבים היום כולכם וגו' ראשיכם שבטיכם זקניכם וגו'".

דערפאר איז רש"י מעתיק פון פסוק אויך דעם ווארט "הזה", דלכאורה וואס איז דא נוגע דער ווארט "הזה", רש"י האט זיך געדארפט שטעלן נאר אויף די ווערטער "כי אתה תבוא את העם", פארוואס ברענגט ער ארויס אויך דעם ווארט "הזה"?

נאר דאס זאגט רש"י, אז וויבאלד משה רבינו האט געזאגט אז יהושע וועט אריינגיין ניט נאר "את העם", וואס מיינט די אנשים פחותים, (וואדרום "עם" ווייזט דאך אויף א דרגא פחותה) נאר אויך "הזה", אז ער וועט אריינגיין מיט דעם גאנצן פאלק - איז עס דאך אין זיך כולל אויך די זקנים, וואס אויך זיי זיינען דעמאלט געווען צווישן אידן - דערפון נעמט רש"י ארויס אז משה רבינו האט געזאגט יהושע'ן "זקנים שבדור יהיו עמך", אז יהושע וועט זיין צוזאמען מיט די זקנים.

איז דאס גופא ניט פארשטאנדיק: ער זאגט דאך פארט "אתה תבוא את העם", וואס מיינט אז יהושע וועט אריינגיין מיט די אנשים פחותים - אע"פ אז דערנאך זאגט ער "הזה", אז אין דעם עם זיינען פאראן אויך די זקנים, אבער בפירוש האט ער געזאגט אז ער וועט אריין מיט דעם "עם", מיט די אנשים פחותים?

פון דעם נעמט רש"י ארויס אז משה האט געזאגט צוויי ענינים: א) אז "זקנים שבדור יהיו עמך" - מצד דעם "הזה"; ב) אז יהושע וועט אריינגיין "את העם", ער וועט זיין גלייך מיט די אנשים פחותים, ד.ה. אז די זקנים וועלן האבן די גאנצע דעה און ניט יהושע, דערפאר

- זאגט -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 551 הודפס ע"י אוצר

זאגט רש"י "הכל לפי דעתן ועצתן".

היינט אבער אויף דער בן חמש למקרא א געוואלד: ער האט דאך פריער אין פ' פנחס אליין געלערנט אז יהושע וועט אנפירן מיט אידן און ניט די זקנים, און אז ער וועט זיי אריינברענגען אין א"י; און אויך האט ער געלערנט מיט א פאר פסוקים פריער "יהושע הוא עבר לפניך" - איז ווי זאגט מען דא אז די זקנים וועלן גאר האבן די גאנצע דעה?

אויף דעם זאגט רש"י: טאקע אזוי; "אבל הקב"ה אמר ליהושע אתה תביא את בנ"י אל הארץ אשר נשבעתי להם" אז ער וועט טאקע אנפירן מיט אידן און ער וועט זיי אריינברענגען אין א"י; און דארט שטייט דער לשון "את בני ישראל", וואס "בנ"י" ווייזט אויף א דרגא חשובה וואס איז כולל אויך די זקנים, ד.ה. אז יהושע וועט אריינברענגען אלע אידן אין א"י און אנפירן מיט אלע אידן גלייך, אויך מיט די זקנים, און יהושע וועט האבן די גאנצע דעה - "תביא על כרחם בכל תלוי בך".

עפי"ז זיינען פארשטאנדיק די אלע דיוקים, פארוואס רש"י זאגט ניט "כתרגומו", און פארוואס ער איז מעתיק פון פסוק אויך די ווערטער "כי אתה", און פון וואנעט ער ווייס אז דא רעדט מען וועגן די זקנים, און אז משה רבינו האט געזאגט יהושע'ן "הכל לפי דעתן ועצתן", און אויך פארוואס רש"י דארף דא אראפברענגען "אבל הקב"ה אמר ליהושע אתה תביא את בני ישראל".

עס בלייבט דאך אבער ניט פארשטאנדיק: ווי קומט עס אז משה רבינו האט געזאגט יהושע'ן אנדערש ווי דער אויבערשטער האט געזאגט יהושע'ן? אויף דעם ברענגט רש"י דעם סיום "דבר אחד לדור ולא שני דברים לדור", וכפי שיתבאר לקמן. (ראה שיחת ש"פ האזינו, ש"ת).

אט דער ענין האט אויך א שייכות צו דער רש"י פון "אתה תבוא את העם הזה", ווארום אין זהר פרעגט ער אויך די קשיא וואס אמאל שטייט דער לשון "תבוא" און אמאל שטייט "תביא" און ער איז דארט מבאר (וואס דאס איז אן ענין בזהר וואס מ׳קען לערנען אויך בפשטות), אז מ׳האט טאקע געזאגט יהושע צוויי זאכן: פריער האט מען עם געזאגט אז ער אדיינגיין אין א"י און ער וועט ניט בלייבן אין מדבר אזוי ווי משה רבינו, (און ווי ס׳שטייט אז משה רבינו האט מתפלל געווען אז יהושע זאל אריינגיין אין א"י און עס זאל מיט אים ניט טרעפן דאס וואס האט געטראפן מיט משה רבינו), און דערנאך האט מען געזאגט יהושע׳ן אז ער וועט אנפירן מיט אידן און אז ער וועט זיי אדיינברענגען אין א"י.

וואס דער חילוק צווישן "תבוא" און "תביא", איז דאס דער חילוק

הנחת הת׳ בלתי מוגה — צווישן —



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 554 הודפס ע"י אוצר

צווישן א וא"ו און א י׳: "תבוא" איז מיט א וא"ו און "תביא", איז מיט א יו"ד; וואס דער חילוק צווישן א י׳ מיט א ו׳ איז, אז א יו"ד איז א נקודה, און וויבאלד ס׳איז א נקודה איז ניט שייכות אויף דעם קיינע הגבלות, ס׳איז ניט אין דעם קיין מדידות, ווארום א נקודה איז בלתי מתחלק און דאס געפינט זיך אומעטום,

ע"ד ווי מ׳זאגט "כל עצם בלתי מתחלק" און דאס געפינט זיך בכל מקום, וואס עס איז ניט דער פשט אז דער עצם ווערט נמשך אומעטום, ווארום ס׳איז דאך "בלתי מתחלק" און אויב דאס ווערט נמשך איז דאס מתחלק, נאר וויבאלד אז ער איז עצם, געפינט ער זיך איינגאנצן בכל מקום, ועד"ז איז אויך א נקודה, אז עס טיילט זיך ניט אין אורך ורוחב, און עס געפינט זיך בכל מקום - ס׳איז ניט מוגבל,

משא"כ א וא"ו וויקט אויף המשכה, וואס דאס איז דאך דער ענין פון א קו.

איז מצד דעם ו׳ וועלכער ווייזט אויף המשכה, קען מען פארגיין אין אן אנדער ארט ביז מ׳קען אנקומען אין א מדבר, דערפאר בנוגע דעם ו׳ דארף מען : באווארענען אז מ׳זאל ניט בלייבן אין מדבר; און דארט דארף אויך זיין "הכל לפי דעתן ועצתן", ווארום מ׳קען זיך ניט פארלאזן אויף זיך אליין, נאר מ׳דארף אנקומען צו די זקנים אז זיי זאלן אויף עם היטן,

משא"כ מצד דעם יו"ד וועלכער האט אויף זיך ניט קיינע מדידות, מצד דעם איז פאראן נאר ארץ ישראל און מ׳דארף גארניט באווארענען וועגן א מדבר, (און ווי מ׳זאגט אויף עולם האצילות "לא יגורך רע"), און דאס איז פארבונדן מיט אן עבודה הלמעלה מטעם ודעת וואס האט אויף זיך ניט קיינע הגבלות, ס׳איז העכער פאר שכל; וואס דערפאר זאגט מען "סול מקל והך על קדקדן", אויף זייער שכל, ביז אויך אויף דעם אייגענעם שכל, ווארום דאס איז אן עבודה פון קב"ע וואס איז העכער פאר טעם ודעת, וואס דערפאר איז "תביא על כרחם".

דאס איז אויך פארבונדן מיט ר"ה, ווארום בר"ה איז די עבודה פון קבלת עול.

בנוגע דאס וואס רש"י ברענגט אראפ דעם סיום הכתוב "אשר נשבעתי להם", מהא"כ פריער זאגט רש"י נאר "תבוא את העם הזה" און ער איז ניט מסיים "אל הארץ אשר נשבע ה׳ לאבותם", איז די הסברה בזה: פון אט די ווערטער "אשר נשבעתי להם" איז די גאנצע ראי׳ אז יענעם פסוק האט דער אויבערשטער געזאגט; אין אונזער פסוק דארף מען ניט אנקומען צו קיינע ראיות אז דאס רעדט משה רבינו, ווארום עס שטייט דאך בפירוש "ויקרא משה ליהושע ויאמר אליו וגו׳", אבער דארטן איז פון פשטות הענין

קומט גאר אויס אז דאס רעדט משה רבינו און ניט דער אויבערשטער דארף רש"י אראפברענגען די ווערטער "אל הארץ אשר נשבעתי להם", צו באווייזן אז דאס האט דער אויבערשטער געזאגט, און ווי רש"י אליין זאגט דאס ווייטער אויף דעם פסוק אז דאס איז "מוסב למעלה כלפי שכינה כמו שמפורש אל הארץ אשר נשבעתי להם".

ס׳איז אבער נאך ניט פארשטאנדיק: פארוואס האט טאקע משה געדארפט זאגן יהושע׳ן "חזק ואמץ"? אויב "אתה תבוא את העם הזה" מיינט אז יהושע וועט אריינגיין אין א"י גלייך מיט אלע אידן, איז

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>                    - פארוואס -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 555 הודפס ע"י אוצר

אוצר החכמה


פארוואס האט ער אים געדארפט מחזק זיין מער ווי אלע אידן?

נאר דאס קען מען פארענטפערן בפשטות: דער בן חמש למקרא פארשטייט אליין אז דער "כי" גייט ניט אויף "אתה תבוא את העם הזה" נאר אויף דעם סיום הפסוק "ואתה תנחילנה אותם; וויבאלד יהושע האט מנחיל געווען די לאנד צו אידן, דערפאר האט מען געדארפט זאגן "חזק ואמץ".

אוצר החכמה

אויך קען מען זאגן, אז וויבאלד משה רבינו האט פריער (בפסוק ו׳) געזאגט אלע אידן "חזקו ואמצו", וואס דאס איז געווען וויבאלד זיי האבן געדארפט אריינגיין אין א"י האט זיי משה רבינו געדארפט זאגן אז זיי זאלן ניט מורא האבן פאר די אלע גוים, דערפאר האט ער געזאגט אויך יהושע׳ן, וואס ער איז אויך אריין אין א"י, "חזק ואמץ".

ולכאורה ווערט ניט פארשטאנדיק: פארוואט טאקע האט משה רבינו געדארפט זאגן אידן "חזקו ואמצו" - זיי האבן דאך אליין געזען ווי דער אויבערשטער טוט מיט זיי ניסים, און ניט נאר בשעת יציאת מצרים, נאר דא איז מען שוין געווען לאחרי מלחמת סיחון ועוג וואו מ׳ האט געזען כמה ניסים ווי רש"י זאגט פריער (ס"פ הוקת) "כדאיתא בברכות בהרואה עקר תורא בר תלתא פרסי וכו׳", ביז אז יאיר, וואס ער איז געווען איין מענש, האט אליין איינגענומען א גאנצע שטאט - זיי האבן דאך די אידן געזען אז דער אויבערשטער איז מיט זיי, איז פארוואס האט מען זיי געדארפט נאכאמאל אנזאגן "חזקו ואמצו"?

איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז עס קען טאקע זיין אז מ׳זאל וויסן אז דער אויבערשטער האט געטאן מיט זיי ניסים, בשעה ער קומט אבער לפועל דארף מען נאכאמאל אנזאגן "חזקו ואמצו".

דאס איז אויך די הוראה לדורות, ווארום "התורה היא נצחית": אז עס קען זיין אז מ"האט נעכטן געזען א נס און מ׳האט היינט איין=דער=פרי געזען א נס, וואס פון דעם איז דאך לכאורה א ראי׳ אז ס׳איז ניטא וואס צו מורא האבן פאר די אלע גוים ארום, ווארום דער אויבערשטער איז מיט אידן, אעפ"כ מענה׳ט מען אז "אין סומכין על הנס", און ווי חז״ל ז׳ ג׳ ל זאגן אז דער טבע פון א נס איז אז ער איז ניט בתמיד, ער גייט ניט נאכאנאנד - אזוי שרייבן חוקרי ישראל, וואס דערפאר קען מען זיך ניט פארלאזן אויף קיין ניסים און מ׳האט מורא פאר דעם גוי; אויף דעם קומט די הוראה: אז איר דארפט וויסן אז איר האט ניט וואס צו מורא האבן פאר די אלע גוים ארום א"י ווארום דער אויבערשטער איז מיט אייך, און יהושע וואס עליו איז "י-ה יושיעך מעצת מרגלים", נעמט אריין אידן אין ארץ ישראל - און דאס וואס אידן נעמען איין ארץ ישראל, איז דאס ניט מצד דעם וואס מ׳האט סאלדאטן אדער ווייל מ׳האט האטש "תאנקאמס", נאר דאס איז מצד דעם וואס "ה׳ אלקיך מתהלך בקרב מחניך" און ווי ער זאגט דא "כי ה׳ אלקיך הוא ההולך עמך לא ירפך ולא יעזבך", און ווי רש"י טייטשט אפ "לא יתן לך רפיון להיות נעזב ממנו". (חסר כאן כל האריכות בנוגע הבעיות בארץ ישראל).

(נגננו "כי אלקים יושיע ציון" ואח"כ בירך כ"ק אדמו"ר שליט"א ברכה אחרונה, ונתן את המזונות עבור המלוה מלכה, ולאחרי זה אמר): מ׳דארף מכריז זיין אז די ווערטער האב איך ניט אויסגעטראכט, נאר

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u> - דאס -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 556 הודפס ע״י אוצ

# מהתוועדות ש״ק פרשת האזינו תשל״א

אומקערן זיך צו דער רש"י: ווי מ'האט גערעדט פריער קומט די רש"י אין פ' האזינו בהמשך צו דער רש"י פון פ' וילך וועלכע מ'האט גערעדט אין דעם פריעדיקן פארברייינגען: די רש"י פון קאפיטל ל"א פסוק ז' "כי אתה תבוא את העם הזה" - וואס עס זיינען געבליבן כמה קשיות וועלכע מ'האט דאן ניט מבאר געווען.

דארטן זאגט רש"י אז משה רבינו האט געזאגט יהושע'ן "ארי את תיעול עם עמא הדין משה אמר ליהושע זקנים שבדור יהיו עמך הכל לפי דעתן ועצתן, אבל הקב"ה אמר ליהושע כי אתה תביא את בנ"י אל הארץ אשר נשבעתי להם תביא על כרחם טול מקל והך על קדקדן, דבר אהר לדור ולא שני דברים לדור".

האט מען אין דעראוף געפרעגט:

- א) ווי -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 34 הודפס ע"י או

א) ווי קומט עס אז משה רבינו זאל זאגן אנדערש פון דעם אויבערשטן? משה רבינו איז דאך געווען דער מנהיג פון אידן, און ער האט אלץ איבערגעזאגט אידן ווי ער האט עס געהערט פון דעם אויבערשטן, איז ווי קומט עס אז משה רבינו זאל זאגן יהושע׳ן "אתה תבוא את העם הזה" בשעת דער אויבערשטער האט געזאגט יהושע׳ן "אתה תביא את בנ"י"?

ב) משה רבינו אליין האט דאך סומך געווען יהושע׳ן אז ער זאל זיין דער מנהיג פון אידן נאך עם, ווי עס ווערט דערציילט פריער אין פ׳ פנחס (כז, טז) אז משה רבינו האט געבעטן דעם אויבערשטן "יפקוד ה׳ וגו׳ איש על העדה אשר יצא לפניהם ואשר יבוא לפניהם וגו׳ ולא תהי׳ עדת ה׳ כצאן אשר אין להם רועה", און אויף דעם האט עס דער אויבערשטער געענטפערט "קח לך את יהושע בן נון וגו׳ וסמכת את ידך עליו וגו׳" און ער וועט אנפירן מיט אידן, און משה רבינו האט אזוי געטאן; ואדרבה: ער האט עס געטאן בעין יפה ווי רש"י (שם, כג) זאגט - איז דאך ניט מובן: וויבאלד אז משה רבינו האט שוין דאך געוואוסט אז יהושע וועט זיין דער מנהיג פון אידן, און אזוי האט ער אליין געזאגט אין אט דער פרשה גופא "יהושע הוא עובד לפניך", איז פארוואס האט ער געזאגט "אתה תבוא את העם הזה", אז "זקנים שבדור יהיו עמך הכל לפי דעתן ועצתן", אז די זקנים וועלן גאר האבן די גאנצע דעה?

ג) וואס איז דא נוגע דאס וואס איז רש"י מסיים "דבר אחד לדור ולא שני דברים לדור"?

ד) נאכמער: דא איז מען דאך שולל די זקנים, און עס זיינען דאך געווען שבעים זקנים (און אויב מ׳רעכנט יהושע אליין אויך - זיינען דא שבעים ואחד זקנים), האט דאך רש"י ניט געדארפט זאגן "דבר אחד לדור ולא שני דברים לדור", נאר "דבר אחד לדור ולא שבעים (אדער שבעים ואחד) דברים לדור"?

דער ביאור אין דעם וואס רש"י זאגט אז משה האט געזאגט יהושע׳ן "הכל לפי דעתן ועצתן" (אע"פ אז משה אליין האט סומך געווען יהושע׳ן אז ער זאל זיין דער מנהיג פון אידן): רש"י האט פריער מפרש געווען אויף "אשר יצא לפניהם" אז דאס מיינט מען בדוגמת מלך וואס פירט במלחמה, ד.ה. אז משה רבינו האט געבעטן דעם אויבערשטן אז ער זאל ממנה זיין איינעם וועלכער זאל פירן אידן במלחמה; וואס א מלחמה מוז פירן איינער, אסאך מענטשן קענען ניט פירן קיין מלחמה, ווארום איינער וועט זאגן מ׳זאל גייען למזרח און א צווייטער וועט זאגן מ׳זאל גייען למערב, זה בכה וזה בכה, אזוי קען מען קיין מלחמה ניט פירן, דערפאר האט משה רבינו געבעטן דעם אויבערשטן - אע"פ ער האט געוואוסט אז ס׳זיינען פאראן די זקנים - אז דער אויבערשטער זאל ממנה זיין איינעם וועלכער זאל פירן אידן במלחמה.

אויף דעם האט עס דער אויבערשטער געענטפערט, אז ער זאל נעמען יהושע׳ן "וסמכת ידך עליו", ד.ה. אז יהושע זאל ווערן דער מנהיג פון אידן, וועלכער וועט זיי פירן במלחמה; ביז איצטער האט נאר משה רבינו געפירט די מלחמות, ווי ס׳איז געווען

- ביי מלחמת -

הנחת הת׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 35 הודפס ע"י א

ביי מלחמת עדד און ביי מלחמת סיחון ועוג, (אויך יאיר האט געפירט א מלחמה) - עכ"פ צו יהושע האט דאס קיין שייכות ניט געהאט, אבער איצטער וועט יהושע זיין דער וואס וועט פירן אידן במלחמה.

דאס איז אבער אלץ בנוגע פירן אידן למלחמה, אויף דעם האט משה רבינו סומך געווען יהושע'ן, משא"כ בשעת מ'רעדט וועגן אנפירן מיט אידן בכלל, ניט בנוגע מלחמה, אויף דעם האט משה רבינו לכתחלה ניט געבעטן ביי דעם אויבערשטן קיין מענטש, ווארום ער האט געוואוסט אז עס זיינען דא די שבעים זקנים וואס העלפן משה'ן אליין אויך.

ווארום משה רבינו האט אליין געבעטן ביי דעם אויבערשטן אז ער זאל אויסקלייבן מענטשן וועלכע זאלן עם העלפן אנפירן מיט אידן, ווי ער האט געטענה'ט (בהעלותך יא, יב) "אם אנכי ילדתיהו כי תאמר אלי שאהו בחיקך כאשר ישא האומן את היונק", און (שם, יד) "לא אוכל אנכי לבדי לשאת את כל העם הזה", אויף דעם האט עם דער אויבערשטער געזאגט (שם, טז) "אספה לי שבעים איש מזקני ישראל וגו' ואצלתי מן הרוח אשר עליך ושמתי עליהם ונשאו אתך במשא העם" - ביז אז די שבעים איש האט דער גורל אויסגעקליבן זיי זאלן העלפן משה רבינו אנפירן מיט אידן,

דעריבער וויבאלד משה רבינו האט געוואוסט אז די שבעים זקנים פירן אן מיט אידן, האט ער נאר געבעטן בא דעם אויבערשטן ער זאל ממנה זיין איין מענטש וואס זאל פירן אידן במלחמה, ווארום כנ"ל אויף גיין למלחמה מוז זיין בלויז איין פירער - אבער בנוגע הנהגת בנ"י בכלל האט ער ניט געבעטן.

עפ"ז איז מובן אויך דער המשך הפסוקים אין פ' וילך: ער הייבט אן "ה' אלקיך הוא עבר לפניך הוא ישמיד את הגוים האלה מלפניך וירשתם יהושע הוא עבר לפניך כאשר דבר ה'", וואס דאס רעדט זיך דאך וועגן מלחמה, דערפאר האט ער געזאגט "יהושע הוא עובר לפניך"; אבער דערנאך האט עם משה רבינו געזאגט "כי אתה תבוא את העם הזה", ווארום דארט רעדט זיך שוין וועגן הנהגת בנ"י בכלל, בנוגע דעם וועט זיין דער סדר אז "זקנים שבדור יהיו עמך הכל לפי דעתן ועצתן", (און ווי מ'האט גערעדט (בש"פ נצו"י) אז וויבאלד משה האט געזאגט דעם לשון "את העם הזה" [וואס "עם" ווייזט אויף א דרגא פחותה, ניט ווי דער לשון "בנ"י"] איז מובן אז יהושע וועט אדריין גיין מיט די פשוטים - פון דעם נעמט רש"י אז משה האט געמיינט אז די זקנים וועלן האבן די גאנצע דעה).

און דערנאך זאגט ער ווייטער "ואתה תנחילנה אותם" - ווארום מנחיל זיין דאס לאנד איז פארבונדן מיט מלחמה, דערפאר וועט דאס זיין ע"י יהושע.

אבער אויף דעם זאגט רש"י ווייטער "אבל הקב"ה אמר ליהושע אתה תביא את בנ"י אל הארץ אשר נשבעתי להם תביא על כרחם" אז יהושע וועט האבן די גאנצע דעה און ניט די זקנים, ביז אז "טול מקל והך על קדקדן". ד.ה. אז אע"פ בימי משה האבן די זקנים אנגעפירט מיט אידן, (וכמובן אז זיי האבן ניט נאר געגעבן עצות נאר מסתמא האבן זיי עפעס געטאן דערצו אויך), אבער בשעת עס קומט דער זמן וואס יהושע דארף ווערן דער מנהיג, הויבט זיך אן א נייע הנהגה אז ער דארף זיך איינגאנצן ניט רעכענען מיט די זקנים, און זיי זיינען איינגאנצן קיין מציאות ניט, ביז "טול מקל והך על קדקדן"; און דאס האט דער

- אויבערשטער -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 36 הודפס ע"י או

אויבערשטער געמיינט בנוגע הנהגת בנ"י בכלל, ניט נאר בנוגע מלחמה.

עפ"ז איז אויך מובן וואס דש"י כאפט אן דעם לשון "דבר א׳ לדור" - דלכאורה איז רגיל בפרש"י דער לשון מלך, נשיא וכיו"ב, איז פארוואס זאגט ער דא דעם לשון "דבר"? נאר רש"י וויל מיט דעם באווייזן אז דאס דעדט זיך ניט בנוגע מלחמה (וואס אויף דעם פאסט דער לשון "מלך" וכיו"ב) נאר בנוגע הנהגת בנ"י בכלל (בניגוד צו מלחמה); דערפאר באנוצט זיך רש"י מיט׳ן לשון "דבר" וואס באווייזט אויף דעם ענין ההנהגה.

עס בלייבט דאך אבער ניט פארשטאנדיק: ווי האט משה רבינו געזאגט אנדערש פון דעם אויבערשטן? און אויך: וואס איז רש"י מסיים "דבר אחד לדור ולא שני דברים לדור", וואס איז דאס נוגע?

נאר דאס גופא איז די הסברה: דער אויבערשטער האט געזאגט יהושע׳ן, אז אע"פ בימי משה רבינו זיינען געווען די זקנים וואס האבן געהאלפן פירן, בשעת אבער עס קומט דער זמן וואס דו דארפסט ווערן דער מנהיג, דארף ביי דיר זיין א נייע הנהגה, ניט ווי עס איז געווען אין דעם זמן פון משה רבינו - און דער טעם אויף דעם: "דבר אחד לדור ולא שני דברים" וואס מיט דעם מיינט רש"י משה רבינו. ד.ה. אז בשעת יהושע איז מנהיג דארף זיין די הנהגה ווי עס איז מצד אים "דבר אחד" אבער ניט אז אויך דאן זאל זיין די הנהגה ווי עס איז געווען ביי משה רבינו "ולא שני דברים"; סיידן עס וועט זיך ביי אים אליין אפלייגן אז אזוי דארף זיין, וואס דאן ווערט עס זיינער אן אייגענער ענין, קען ער זיך אזוי פירן.

ע"ד ווי ס׳איז מבואר אין זהר (ח"ג דמ"ד, ב) אז פאר דעם וואס די תנאים ואמוראים האבן גע׳פסק׳נט א דין האבן זיי פריער געזען ווי דער ענין איז למעלה, און דערנאך האבן זיי געקענט פסק׳נען דעם דין למטה, (און ווי ער איז מבאר אין ביאורי הזהר (וישלח כ, ב) אויפ׳ן פסוק "כי ישרים דרכי ה").

פרעגט מען דאך אויף דעם: "תורה לא בשמים היא" נאר דוקא דא למטה, ביז אפילו בשעת מ׳האט באוויזן מלמעלה ווי אזוי דער ענין דארף זיין האט רבי יהושע געזאגט אז תורה "לא בשמים היא" (ב"מ נט, ב), איז ווי אזוי קען מען פסק׳נען מצד דעם וואס מ׳האט געזען אז אזוי איז די הלכה למעלה? וואס דאס זאגט מען ניט נאר אויף דעם וואס אין הלכה כמוהו, נאר אויף אלע תנאים ואמוראים.

אט-דער זהר איז אויך דער מקור אויף דעם וואס עס שטייט אין דער הקדמה פון תניא אז ב"ש וויבאלד שרש נשמתם איז פון קו הגבורה האבן זיי גע׳פסק׳נט לחומרא, און ב"ה וויבאלד שרש נשמתם איז פון קו החסד האבן זיי גע׳פסק׳נט לקולא (וואס דאס נעמט בפשטות דער אלטער רבי פון דעם זוהר הנ"ל, אז זיי האבן גע׳פסק׳נט למטה די הלכות מצד דעם וואס זיי האבן געזען למעלה) - איז אויך אויף דעם ניט מובן: "תודה לא בשמים היא"?

שטייט אויף דעם דער ביאור, אז פריער האבן זיי טאקע געזען ווי דער ענין איז למעלה, דערנאך אבער האבן זיי געהאדרעוועט

- ביז אז -

הנחת הת׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 37 הודפס ע"י א

ביז אז דער ענין האט זיך געלייגט בשכלם דא למטה, און אז דער ענין האט זיך געלייגט בשכלם, דעמאלט האבן זיי גע׳פסק׳נט דעם דין – און אויב דאס האט זיך ניט געלייגט בשכלם, דאן האבן זיי טאקע ניט גע׳פסק׳נט אזוי, ווארום "תורה לא בשמים היא".

אבער לכאורה, אויב אזוי וואס טוט אויף דאס וואס מ׳זעט פריער דעם ענין למעלה? איז דער ענין אין דעם: אין יעדער הלכה איז פאראן ווי דער ענין איז מצד ימין און מצד שמאל, און מ׳דארף זוכן צו געפינען אין וועלכן זייט איז די הלכה – במילא דאס וואס מ׳האט געזען דעם ענין למעלה האט אופגעטאן אז מ׳האט געוואוסט אין וועלכן זייט מ׳דארף זוכן, ווייל מ׳האט געזען אז דער ענין לאמיתתו איז אין קו הימין צי אין קו השמאל, און דערנאך האבן זיי געהאדעוועט ביז דאס האט זיך געלייגט בשכלם.

דאס איז אויך דער ביאור אין דעם וואס עס ווערט דערציילט אז מ׳האט משבח געווען א תלמיד פאר דעם וואס ער האט סותר געווען דברי רבו, און מ׳האט משבח געווען א צווייטן תלמיד פאר דעם וואס ער האט מסכים געווען לדברי רבו – ולכאורה וואס איז דער שבח וואס ער האט מסכים געווען לדברי רבו? און מ׳קען ניט זאגן אז מ׳האט עם משבח געווען פאר דעם וואס ער האט מסכים געווען לדברי רבו אע"פ אז ער אליין האט דאס ניט פארשטאנען (נאר וויבאלד רבו האט אזוי געזאגט האט ער מסכים געווען), ווארום ח"ו אזוי צו זאגן, אזוי טאר מען ניט לערנען תורה — איז פארוואס האט מען עם משבח געווען?

איז די הסברה בזה: אז מ׳האט עם משבח געווען אז ער האט א גלייכן שכל ווארום אויך ביי עם בשכלו האט זיך געלייגט דער ענין ווי עס איז לאמיתתו, וכנ"ל אז בשעת מ׳האט געזאגט אן ענין איז עס ווייל אזוי האט זיך עס געלייגט בשכלם.

דאס איז אויך דער טעם וואס מ׳געפינט אין די ספרים פון דעם מיטעלן רבי׳ן מאמרים וועלכע זיינען אות באות ווי די מאמרים פון דעם אלטן רבי׳ן און ער זאגט קיינמאל ניט אז אזוי האט געזאגט דער אלטער רבי, [אין די מאמרים פון דעם צ"צ זיינען פאראן מראי מקומות וואו ער ברייגנט אראפ אז דאס האט געזאגט דער אלטער רבי און דאס האט געזאגט מו"ח וכו׳, אבער אין די ספרים פון אדמו"ר האמצעי זיינען פאראן מאמרים וועלכע זיינען אות באות פונקט ווי די מאמרים פון דעם אלטן רבי׳ן, און ער זאגט ניט אז דאס האט געזאגט דער אלטער רבי];

ועד"ז אויך צווישן די הורות פון דעם אלטן רבי׳ן געפינט מען ענינים וואס ער האט איבערגעזאגט פון דעם מגיד און פון דעם בעש"ט אות באות כצורתו, און ער זאגט ניט אז אזוי האט געזאגט דער מגיד אדער דער בעש"ט, ווי מ׳זעט בספר התניא, וואו ער זאגט אז דאס איז "מפי ספרים ומפי סופרים", און ער זאגט אויף קיין זאך ניט פון וועמען דאס איז, אע"פ אז דארט זיינען פאראן ענינים פון דעם מגיד און פון דעם בעש"ט, און נאך פאר זיי, פון דעם אריז"ל וכו׳, און ער ברייגנט זיי כלשונם.

ולכאורה פארוואס זאגן זיי דאס ניט בשם אומרם? ובפרט ע"פ דעם מג"א הידוע (או"ח סי׳ קנ"ה) וואס ער שרייבט וועגן דעם ענין פון ניט זאגן א זאך בשם אומרו, דעם גודל החטא שבזה וכו׳, איז שווער צו זאגן אז עס איז א כלל אין גאנץ ספר התניא און כמה מאמרים פון דעם אלטן רבי׳ן און רוב הספרים פון אדמו"ר האמצעי אז זיי ברייגנען ענינים ניט בשם אומרו.

- נאר דער -

הנחת הת׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 38 הודפס ע"י או

נאר דער ביאור אין דעם איז ווי מ'האט גערעדט פריער: לאחרי זה וואס זיי האבן געהערט אן ענין, האבן זיי געהארעוועט בזה, ביז דער ענין האט זיך געלייגט בשכלם, ביז אז דאס איז געווארן זייערער אן אייגענער ענין, און ניט בלויז וואס מ'האט דאס איבערגעזאגט פון פריערדיקע.

אזוי איז דאס אויך בעניננו: דער אויבערשטער האט געזאגט יהושע'ן "דבר אחד לדור", אז אע"פ ביי משה רבינו איז געווען די הנהגה אז ס'זיינען געווען שבעים זקנים, פונדעסטוועגן דארף זיך יהושע ניט רעכענען מיט די מציאות פון די זקנים, ווארום איצטער איז עד דער מנהיג, ובמילא דארף ער זיך ניט פירן לויט די הנהגה פון א פריערדיקן דור, נאר לויט ווי ביי עם קומט אויס; און אויב ביי אים וועט זיך אויך לייגן ווי ס'איז געווען פריער זאל ער אזוי טאן – אבער דערפאר וואס ביי אים קומט אזוי אויס.

אע"פ אז די זקנים זיינען געווען אזוי פיל יארן ביי משה רבינו, קענען זיי דאך אמאל זאגן א גלייכע זאך, אעפ"כ זאגט מען אז "דבר אחד לדור", ביי יהושע דארף ניט זיין די מציאות פון די זקנים.

[וואס יהושע אליין איז פריער אויך ניט געווען איינער פון די זקנים, ווי עס איז מובן פון דעם וואס ער האט גע'טענה'ט צו משה'ן "אלדד ומידד מתנבאים במחנה" (בהעלותך יא, כז), איז א סימן אז ער איז געווען במחנה, און ניט מיט די זקנים, (און די טענה איז אויך ניט געווען ווייל אים האט געארט כבוד עצמו, נאר כבודו של משה)].

מצד משה רבינו איז טאקע געווען די הנהגה אז די זקנים העלפן, וואס דערפאר האט משה געזאגט יהושע'ן "הכל לפי דעתן ועצתן" – דער אויבערשטער האט עם אבער געזאגט אז דו דארפסט זיך ניט רעכענען מיט דער הנהגה פון אן אנדערע דור; ער קען מאכן פון זיך אייגענע זקנים, ווארום דאס איז אן ענין וואס ער אליין טוט, אבער צו זאגן אז ביי עם דארף זיין די הנהגה פון פון די זקנים מצד דעראוף וואס אזוי איז געווען בימי משה רבינו, דאס ניט!

(עפי"ז איז פארשטאנדיק אז דער אויבערשטער האט ניט געזאגט פארקערט פון משה'ן – ווארום דער אויבערשטער האט אויך געזאגט אז מצד משה'ן דארף זיין ווי משה האט געזאגט; אבער מצד יהושע'ן דארף אזוי ניט זיין; און דער אויבערשטער האט געמיינט צו זאגן יהושע'ן אז משה האט עס אויך ניט געמיינט אז מצד יהושע'ן דארף אזוי זיין) – כ"ז אינו ברור).

אע"פ אז יהושע איז געווען דער תלמיד מובהק פון משה רבינו, און ווי ס'שטייט (אבות א, א) "משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע", וואס דער לשון "מסרה" מיינט אז ווי משה האט דאס מקבל געווען פונקט אזוי האט ער איבער געגעבן יהושע'ן – איז אבער ניט דער פשט אז דער אויבערשטער האט עם געזאגט אז ער זאל ניט פאלגן רבו, דער אויבערשטער וואלט עם ניט געזאגט אזא זאך, ס'איז דאך היפך ההלכה וכו', נאר ער האט עם נאר געזאגט

– "ולא שני –

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 39 הודפס ע"י א

אוצר החכמה



אוצר החכמה

"ולא שני דברים לדור", אז אין דיין זמן ווען דו ביסט דער מנהיג, איז די הנהגה אן אנדערע, ובמילא איז ניטא וואס צו רעכענען זיך מיט דער הנהגה פון א פריערדיקן דור.